ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office



## ו' טבת תשס"ו

## פרשת ויגש

טייערע קינדער שלוחים,

מיר האלטן יעצט אין מיטן חודש טבת. חודש טבת איז זייער א שטילער חודש אין צוגלייך צום חודש כסלו וואס איז יעצט אריבער. מיר ווייסן אבער אז די קומענדיקע חודש איז אן אנגעפאקטע חודש אין דעם חסידישן לוח.

עס שטייט אז 30 טעג פאר א יום טוב זאל מען אנהויבן לערנען און צוגרייטן זיך אויף דעם. י' טבת איז 30 טעג פארן גרויסן טאג פון י' שבט- דעם יארצייט פון פריערדיקן רבי'ן, און קבלת הנשיאות פון אונזער רבי. מיר גרייטן זיך אן דורך שטארקן אונזערע החלטות פון לערנען און טאן מצוות און דאווענען מיט כוונה. און זיכער אייך די שלוחים טוען אלס וואס איר קענט אויסצופירן די ווערטער פון פריערדיק'ן רבי'ן "צופוצן די קנעפלאך" פאר קבלת פני משיח נאו ממש!

א. וועכטער

## דעם חסידישן לוח



### ט"ו טבת



ט"ו טבת איז די יום הולדת פון רביצין שטערנא שרה. רביצין שטערנא שרה איז געבארן געווארן אין יאר תר"כ אין שטאט ליובאוויטש. איר טאטע איז געוועזן ר' יוסף יצחק, דער זון פון די צמח צדק, און איר מאמע איז געוועזן רביצין חנה, די טאכטער פון ר' יעקב ישראל פון טשערקאס, דער איידעם פון דעם מיטעלען רבי'ן.

רביצין שטערנא שרה האט חתונה געהאט מיט דער רבי רש"ב.

ווען זי איז געפארן אין ליובאוויטש נאכ'ן חתונה צו לעבן מיט דער רבי מהר"ש'ס משפחה, האט זי ניט געפילט אזוי באקוועם. זי איז געוועזן א נידריגע, און אלע פון די משפחה פון דער רבי זיינען געוועזן זייער הויכע. האט איר דער רבי מהר"ש געזאגט, "זארג זיך ניט, עס איז באוואוסט אז קליינע ביימער האבן זיסע פרוכט." און טאקע האט זי זוכה געוועזן צו האבן א זיסע פרוכט -איר זון, דעם פריערדיקן רבי'ן.

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת ויחי

### מה זרעו בחיים

די גמרא זאגט בנוגע יעקב אבינו - "זרעו בחיים". אז "זרעו", אלע אידן וואס שטאמען דאך פון יעקב אבינו, זיי זיינען דאך זיינע קינדער, דארפן זיי זיין "בחיים" - לעבעדיקע אידן.

דער טייטש פון דעם ווארט "זרעו" איז אויך מלשון זריעה (זייען).

דער סדר אין זריעה איז, אז מען פארזייט א קליין קערנדל, אבער אין דעם גיט אריין דער אויבערשטער זיין ברכה, און פון דעם קערנדל וואקסן אויס אסאך תבואה קערנדלאך, און אויב ס'איז א קערנדל פון א בוים– א גרויסער בוים מיט א סך גוטע פרוכטן.

כאטש אז דער קערנדל וועלכען מען האט איינגעזייט איז א קליין קערנדל, פארנעמט א קליינעם ארט און איז אויך ניט קיין צו שטארקער, פונדעסטוועגן, בשעת מען זייט אים איין אין גוטע ערד, מען באגיסט עס און מען טוט אלע ארבעטן וועלכע מען דארף האבען דערצו, דאן איז פון דעם איין קליין קערנדל וואקסט ארויס תבואה, אדער א גרויסער בוים מיט א סך פירות, וועלכע פארמאגן אין זיך אויך א סך קערנדלאך.

אזוי איז בנוגע אידן: אפילו די וועלכע זיינען קליין - קליין אין יארן, צי אפילו גרויס אין יארן אבער קליין אין זייער ידיעה בנוגע תורה און אידישקייט

–וואס דער אמת איז– (ארייטראכטנדיק אז תורה איז **ארוכה מארץ מדה גו'**, זי איז אומבאגרעניצט, ווארום זי קומט דאך פון דעם אויבערשטן וואס ער איז אומבאגרעניצט, ובמילא איז דאך)– אפילו די ידיעה פון גאר גרויסע לומדים איז גאר קליין–

איז בשעת זיי הארעווען אין דעם וואס זיי ווייסן, און מען באגיסט עס מיט יראת–שמים און חסידישע ווארעמקייט, איז פון דער קליינער ידיעה וואקסט אויס תבואה און א גרויסער בוים מיט פיל גוטע פרוכט.

דער אויבערשטער זאל העלפן יעדן איינעם פון אייך, איר זאלט אויסנוצן דעם קערנדל וועלכן איר האט, אנהויבנדיק פון גאר דעם ערשטן קערנדל, וואס דאס איז דער נפש האלקית וואס דער *(המשך אין עמוד 2)*

# דערציילט מיר א מעשה



דער אלטער רבי האט אויסגעלערנט אלע זיינע קינדער און אייניקלאך צו זיין פארזיכטיג מיט וואס זיי נוצן זייער געלט.

"די געלט פון אונזער משפחה קומט פון די קהילה, און די תורה לאזט ניט פטר'ן אידישע געלט, איז עס נאר ריכטיג אז מיר זאלן זיין פארזיכטיג מיט די וועג וואס מיר נוצן אונזער געלט."

איינמאל איז זיין אייניקל אריינגעקומען צו אים מיט א טייערע גארטל. האט דער אלטער רבי אים גלייך געפרעגט "ביסטו אזא רייכע מענטש אז דו טראגסט אזא טייערע גארטל?"

דער אייניקל איז געבליבן שטיל. דער אלטער רבי האט אים ווייטער געפרעגט וועגן זיין געלט. "וויפל געלט האסטו באקומען ווען דו האסט חתונה געהאט?"

"צוויי טויזענט רובל," האט זיין אייניקל געענטפערט.

"און וואס וועסט טאן מיט די געלט?" האט דער אלטער רבי ווייטער געפרעגט.

"איך וועל דאס געבן צו א ביזנעס מענטש אז ער זאל קענען מאכן פון דעם מער געלט."

"און אפשר וועט דער מענטש דיר ניט צוריקגעבן דיינע געלט..."

"וואס מיינסטו איך זאל טאן מיט מיינע געלט?" האט דער אייניקל געפרעגט.

"איך מיין דו זאלסט לייגן דיינע געלט אין דעם קעסטל," און ער האט באוויזן אויפן פושקע.

דער אייניקל איז געווען זיכער אז דער אלטער רבי לאכט. אבער דער אלטער רבי איז געווען ערנסט, "אזוי וועסטו זיין זיכער אז דיינע געלט וועט בלייבן."

דער אייניקל האט ניט מסכים געווען צו דעם, און האט געגעבן זיינע געלט צו א ביזנעס-מאן. א פאר חדשים שפעטער איז געווען א גרויסע פייער ביי יענע מענטש און אלם האט זיך פארברענט. די גאנצע געלט פון אלטער רבי'נס אייניקל איז פארלוירן געווארן.

שפעטער ווען דער אלטער רבי האט געפרעגט זיין אייניקל ווי גייט עס ביי אים אין געלט זאכן, האט ער דערציילט דעם גאנצע מעשה.

"פארוואס האסטו מיר ניט צוגעהערט?" האט דער רבי געזאגט. "איך וועל דיר זאגן א מעשה וועגן די פשוטע אמונה פון חסידים.

איין מאל אין מיטן קאלטע ווינטער, בין איך געווען אויפן וועג צוריק פון מיין רבי'ן- דער מגיד פון מעזריטש.

איך בין אנגעקומען אין א אידישע קרעטשמע און איך האב גערעדט מיט דעם בעל הבית.

'ווי לאנג לעבסטו דא?' האב איך אים געפרעגט.

'כמעט פופציק יאר,' האט ער געענטפערט.

'זיינען פאראן אנדערע אידן דא?' האב איך געפרעגט.

'ניט פונקט דא, נאר איך גיי צו א נאענטע שטאט אויף ראש השנה און יום כיפור. דארט זיינען פאראן אידן."

'פארוואס לעבסטו ניט אין א פלאץ וואס איז נענטער צו אידן?'

'ווי אזוי וועל איך דארט מאכן פרנסה?' האט ער געפרעגט.

'אויב דער אויבערשטער קען געבן פרנסה פאר הונדערטע משפחות, מיינסטו אז ער קען ניט געבן פרנסה נאך איינער?'

איך האב אים אויך דערציילט אז איך בין א חסיד פון דעם מעזריטשער מגיד.

דער איד איז גלייך ארויס פון צימער. ווייניגער ווי א האלבע שעה שפעטער, האב איך געזען א פאר וואגנס לעבן זיין שטוב.

איך האב אים געפרעגט, "וואס טוט זיך דא?"

האט ער מיר געענטפערט, "איך פאר ארויס צו לעבן אין צווייטן שטאט פונקט ווי דו האסט מיר געהייסן!"

"דו זעסט וואס פאר א שטארקע אמונה האט דער איד געהאט אין מיין רבי! ער איז ניט אפילו געווען א חסיד,און ווען איך האב נאר געזאגט אז איך בין א חסיד פון דער מגיד, האט ער אפגעלאזט זיין שטוב און פרנסה פון פופציג יאר! דו, וואס דו ביסט מיין אייניקל, האט זיכער געדארפט זיך צוהערן צו מיר!!"

* * *

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

אויבערשטער האט אריינגעגעבן אין יעדערן, און דאן - איז דאס וואס מען האט געלערנט מיט אייך אין דער ישיבה - אין תורה ומצותי', זאלט איר עס אויסנוצן אין דער פולסטער מאס, וואס דאן וועט דערפון אויסוואקסן תבואה און א גרויסער בוים מיט א סך פירות, וואס אמת'ע פירות פון א אידן זיינען ווי די גמרא זאגט, מצות און תורה.

(י"א שבט תשכ"ג)

*טייערע קינדער, מיר די קינדער פון דעם רבי'ן דארפן ממשיך זיין די לעבן פון אונזער טאטע - דעם רבי'ן. עס שטייט "מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים" דורך דעם וואס מיר-די קינדער פונעם רבי'ן – לעבן, מיר גיין ווייטער אין זיינע הייליגע וועגן, און מיר האלטן שטארק אויף זיין וויכטיגע שליחות וואס ער האט געלייגט ספעציעל אויף זיינע באליבטע שלוחים, דאן ווערט עס "הוא בחיים!"*

## משיח נאו!



**עס שטייט אין פסוק, "עד כי יבוא שילה" -ביז שילה וועט קומען. רש"י ערקלערט אז "שילה" רעדט אויף משיח. דער ווארט "יבא"-וועט קומען, גיט אונז א רמז צו וואס וועט ברענגען משיח. "יבא" האט די זעלבע גמטריא ווי "אחד"-איינע. ווען עס וועט זיין אחדות צווישן אידן, וועט משיח קומען!**

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה יוניק
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה
נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת ויחי

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוזים׳ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

## דרגה א׳ און ב׳:

קוק אריין אין חומש וואו עס שטייט די ברכות פון יעקב צו אלע שבטים.  לייען די ברכות און שרייב אריין אונטער יעדער בילד, צו וועלכער שבט עס באלאנגט.


______


______


______


______


______


______


______


______


______


______


______


______

**די געווינער פון פרשת ויגש:** חי׳ מושקא און מנחס מענדל גראסבוים

## הצלחה רבה

נאמען:______________________ ווי אלט:______

אדרעס:______________________

______________________

אימייל:______________________